# שלום-עליכם: אלע ווערק

| | צאל זייטן פון טעקסט | רעדאקטאר |
|---|---|---|
| באנד איינס: | [אָן הערות; אָן ערך] | |
| מנחם-מענדל | 410 | נאווערשטערן |
| באנד צוויי: | | |
| טביה דער מילכיקער | 150 | שמערוק |
| באנד דריי: | | |
| מאטל פייסי דעם חזנס | 300 | שמערוק |
| באנד פיר: | | |
| פונעם יריד | 360 | ווערסעס |
| [זכרונות וועגן יידישע שרייבערס] | 100 סך-הכּל: 460 | |
| באנד פינף: | | |
| דערציילונגען א (1890-1883) | 380 | |
| באנד זעקס: | | |
| *דערציילונגען ב (1902-1900) | 463 | ראסקעס |
| באנד זיבן: דערציילונגען ג | | |
| מעשיות פאר יידישע קינדער | 206 | שמערוק |
| באנד אכט: | | |
| *דערציילונגען ד (1903) | 340 | וואליץ |
| באנד ניין: | | |
| *דערציילונגען ה (1905-1904) | 340 | פילאווסקי |
| באנד צען: | | |
| *דערציילונגען ו (1910-1906) | 363 | |
| באנד עלף: | | |
| דערציילונגען ז (אייזנבאן-געשיכטן) | 190 | נאווערשטערן |
| באנד צוועלף | | |
| *דערציילונגען ח (1916-1911) | 518 | פייפער |
| [איינגעשלאסן: "מאריענבאד"] | | |

* אין די בענד 6, 8, 9, 10, 12 וועלן אויסגעטיילט ווערן באזונדער די דערציילונגען "לכבוד יום-טוב", לויטן סדר פון דעם יערלעכן יום-טובים ציקל.

באנד דרייצן:

ראמאנען א (1888-1898)

(סענדער בלאנק; סטעמפעניו; יאסעלע סאלאוויי; משיחס צייטן;

אפשר אויך: קינדערשפיל) ?395 טורניאנסקי

באנד פערצן:

ראמאנען ב (1902-1915)

(ווער ווייסט?; מאשקעלע גנב; אין שטורעם; דער מיסטייק;

אפשר אויך: שיר-השירים) ?320 טורניאנסקי

באנד פופצן:

ראמאנען ג: בלאנדזשענדע שטערן נאריך

באנד זעכצן:

ראמאנען ד: דער בלוטיקער שפאס קאופמאן

באנד זיבעצן-אכצן:

דראמאטישע ווערק מירון (3 בענדער [illegible])

באנד ניינצן-צוואנציק:

עפיסטאלארע ווערק פון די אכציקער יארן 145

לידער

פעליעטאנען 200

קריטיק און רעצענזיעס 200

רעפארטאזשן 120

פובליציסטיק 75

שלום-עליכם - אלע ווערק

אינסטרוקציעס פאר די בענד-רעדאקטארן

די ווייטערדיקע אינסטרוקציעס זענען אויסן צו פארמולירן אויף א קאנקרעטן אופן דעם כאראקטער און גאנג פון דער ארבעט. אלגעמיינע פראבלעמען זענען באשריבן געווארן אין דער בקשה צו דער נאציאנאלער עולמות-פונדאציע (NATIONAL ENDOWMENT FOR THE HUMANITIES). די פרינציפן ווערן פארמולירט אויפן יסוד פון דער אויסגאבע פון "דאס מעסערל", צוגעגרייט דורך ח. שמערוק.

א. טעקסט און אפאראט

יעדער באנד וועט איינגעטיילט ווערן אין צווייען: דער טעקסט גופא וועט זיין א לויפיקער, און די "פינגער" פון דער רעדאקטאר וועלן זיך אין אים נישט אנזען. א לויפיקע נומעראציע וועט קומען נאך יענע באגריפן און ווערטער וואס דארפן דערקלערט ווערן, און די הערה וועט קומען אויף דער זעלבער זייט פון טעקסט, אונטן. אין דער קאטעגאריע גייען אריין:

1. היסטארישע, ביאגראפישע, שטייגערישע א"א באגריפן;
2. שווערע ווערטער (זען ווייטער, פונקט ה: גלאסאר).

די טעקסטאלאגישע הערות וועגן שינויי-נוסחאות וועלן קומען צום סוף פון באנד. ס'בלייבן נאך אפן די פראגעס:

1. צי דער געדרוקטער טעקסט וועט האבן א שורות-ציילער;
2. צי דער געדרוקטער טעקסט וועט האבן א באשטימטן סימן וואס וועט אפשיקן דעם פאראינטערעסירטן לייענער צום ביבליאגראפיש טעקסטאלאגישן סך-הכל ביים סוף פון באנד.

ב. די ארבעט פון די בענד-רעדאקטארן

יעדער רעדאקטאר וועט קריגן די ווייטערדיקע מאטעריאלן:

א. דאס קארטל וווּ עס ווערט קאנצענטרירט די ביבליאגראפישע אינפארמאציע מכוח יעדער ווערק.

דארטן קומט אויך אריין אן אפשיק צו אנדערע רעלעוואנטע מאטעריאלן (זכרונות, פארש-ארטיקלען אדג"ל). מיר האבן שוין אריינגעבראכט אין דעם קארטל די אפשיקן צו י"ד בערקאוויטשעס 'אונדזערע ראשונים'. דער רעדאקטאר דארף אבער וויסן אז אט דער טייל איז דער "שוואכער רינג" פון דער אינפארמאציע. אין דער יידישער פעריאדיק, בעיקר אין דער סאוועטישער, זענען דא ארבעטן - צו מאל וויכטיקע - צו וועלכע מיר זענען נישט דערגאנגען. די

רעדאקציע האלט נישט פאר מעגלעך אויסצושעפן אט די אינפארמאציע, און די רעדאקטארן ווערן געבעטן אונדז אויפמערקזאם צו מאכן נישט בלויז וועגן מאטעריאלן וואס זענען שייך זייער אייגענעם באנד, נאר אויך וועגן יענע וואס זענען וויכטיק פאר אנדערע רעדאקטארן.

דער רעדאקטאר דארף אונדז געבן:

א ריינע פאטאקאפיע פון דעם טעקסט וואס ער קלייבט אויס צום דרוקן, און וואס מיר וועלן איבערגעבן דעם זעצער. דארטן וועט דער רעדאקטאר פאררעכטן דרוקגרייזן, דורכגעלאזטע ווערטער, פונקטואציע (זען ווייטער) מיט דער געהעריקער באמערקונג ביי דער זייט וואס איז אויסן נאר די רעדאקציע. אין דעם געדרוקטן טעקסט וועלן נישט קומען בדרך-כלל קיין הערות וועגן אט די תיקונים.

אין דעם טעקסט וועט דער רעדאקטאר געבן צוויי לויפיקע נומעראציעס:

1. א לויפיקע נומעראציע צו די הערות וואס וועלן געדרוקט ווערן אין טעקסט אונטן. זיי וועלן פארצייכנט ווערן מיט די אותיות פון א"ב (א, ב...כג) אין א קייקעלע - א סימן פארן זעצער זיי אויסצוזעצן.

2. א לויפיקע נומעראציע צו די טעקסטאלאגישע שינויי-נוסחאות וואס וועלן קומען אין אפאראט. זיי וועלן פארצייכנט ווערן מיט ציפערן מיט א בלייפעדער.

אין יעדער קאפיטל וועלן זיך ביידע נומעראציעס אנהייבן פון דאס ניי.

דער רעדאקטאר וועט באזונדערס צושטעלן דעם טעקסט פון דעם נאכווארט און דעם טעקסטאלאגישן אפאראט. אין א באזונדערער רשימה וועט ער געבן ספעציפיקע גרייזן אדג"ל.

די רעדאקטארן ווערן געבעטן זיך צו פארשטענדיקן מיט דער רעדאקציע מכוח ספקות און פראבלעמען. כדי אויסצומיידן שפעטער גרויסע תיקונים אין דער ארבעט ווערן זיי אויך געבעטן צוצושטעלן א דוגמא פון די טעקסטן איידער זיי גייען אן ווייטער מיט זייער ארבעט.

אויסלייג:

דאס איבערשרייבן די טעקסטן אין דעם איינהייטלעכן אויסלייג איז די ארבעט פון דער רעדאקציע, וואס וועט באשטימען אלגעמיינע פרינציפן וואס וועלן חל זיין אויף אלע בענד.

די רעדאקטארן ווערן אבער געבעטן אונדז אנצווויזן אויף יענע פארמען וואס זיי מיינען אז מע דארף זיי אויפהיטן הגם זיי שטימען נישט מיט די כללים פון איינהייטלעכן יידישן אויסלייג.

די רעדאקציע וועט זיך האלטן ביים איינהייטלעכן יידישן אויסלייג. זי

numeration begins again in ea new chap.

וועט זיך אבער באמיען אפצוהיטן גאר ספעציפישע פארמען וואס שפיגלען אפ ש"ע-ס דיאלעקט. א באזונדערע הערה וועט קומען אין יענע פאלן ווען ש"ע אימיטירט אדער פאראדירט אנדערע דיאלעקטן.

ג. ביבליאגראפיש טעקסטאלאגישער סך-הכל און שינויי-נוסחאות

ביים אנהייב פון אפאראט וועט קומען א נאכוואָרט פון רעדאקטאר וואס וועט איבערגעבן די אלגעמיינע פרטים וועגן דער טעקסטאלאגישער אנטוויקלונג פונעם ווערק: די באדינגונגען ביי דער ערשטער פובליקאציע (באציונגען מיט די רעדאקטארן אדג"ל), מיטצייטלערישע אפרופן וואס האבן געקענט האבן א השפעה אויפן ווייטערדיקן גאנג פון ווערק, פלענער ארויסצוגעבן דאָס ווערק אין בוכפארעם.

אין דעם נאכוואָרט וועלן בקיצור באהאנדלט ווערן די פארשידן-מיניקע מעגלעכע אימפליקאציעס פון די שינויי-נוסחאות.

די בענד "דערציילונגען" וועלן אויך האבן א קורץ נאכוואָרט צו יעדער באנד. דארטן וועלן ארומגערעדט ווערן די עיקרדיקע שטריכן פון דעם כראנאלאגישן אפשניט מיט וועלכן דער באנד פארנעמט זיך: ווו ש"ע האט דעמאלט געלעבט, ווו ער האט זיך געדרוקט, וועלכע אנדערע ווערק ער האט דעמאלט געשריבן אדג"ל. מעגלעך אז אין די בענד "מעשיות פאר יידישע קינדער" און "אייזנבאן-געשיכטן" וועט דאָס נאכוואָרט זיין א ביסל לענגער.

ד. טעקסטאלאגישע מאטעריאלן

דער רעדאקטאר וועט פארצייכענען די הערות אינעם טעקסט מיט א לויפיקער נומעראציע צו יעדער קאפיטל וואס וועט פירן צום טעקסטאלאגישן אפאראט.

אין אפאראט ווערן ביידע נוסחאות פארצייכנט אויף דער זעלבער שורה. צו ערשט: דער נוסח וואס קומט אין געדרוקטן טעקסט (ווייטער באצייכנט: דער גרונט-נוסח); נאך דעם, אפגעטיילט מיט א שטריך /, דער אנדערער, אדער אנדערע, נוסחאות.

אזעלכע ווערטער וואס זענען פאראן נאר אין איין נוסח און פעלן אינעם צווייטן וועלן די רעדאקטארן אונטערשטרייכן. אין אפאראט וועלן זיי געדרוקט ווערן מיט שווארצער שריפט.

אויב אין א שורה קומט מיט שווארצער שריפט נאר איין ווארינאנט מיינט עס ממילא אז דאָס וואָרט (אדער ווערטער) זענען א הוספה פון גרונט-נוסח.

דער רעדאקטאר וועט פארצייכענען יעדער שינוי אויף א באזונדערער שורה. אין בוך וועלן צוויי שינויים וואס קומען פאר אין דער זעלבער שורה אפגעטיילט ווערן מיט //.

עס איז כדאי צו פארצייכענען דעם גאנצן זאץ איןביידע נוסחאות דארטן ווו עס ווערן אריינגעפירט שינויים אין עטלעכע ערטער, כדי דער לייענער זאל זיך קענען לייכטער אריענטירן.

דארטן ווו עס פעלט א גאנצער זאץ אדער א לענגערער פראגמענט גיט דער רעדאקטאר וועגן דעם א הערה.

עס ווערן נישט פארצייכנט קיין שינויים אין דער פונקטואציע און אין דעם אויסשטעל פון די אפזאצן. עס ווערן נישט פארצייכנט יענע ערטער ווו דער ארטיקל גיסט זיך צוזאמען מיט דער פרעפאזיציע, אדער פארקערט (מיטן - מיט דעם). אין די פאלן נעמט מען אן דעם גרונט-נוסח. די רעדאקטארן ווערן געבעטן פארצולייגן אנדערע פרטים וואס עס לוינט זיך נישט צו פארצייכענען.

דער סימן ______ וועט דינען פאר ווערטער וואס וועלן געדרוקט ווערן שפאצירט.

אויסער די נעמען פון די אויסגאבעס דארפן אלע ציטאטן קומען אין איינהייטלעכן אויסלייג.

מע דארף נישט ניצן קיין גענדזן-פיסלעך ביים ציטירן פראגמענטן פון א נוסח דארטן ווו ס'איז קלאר אז מ'האט צו טאן מיט א ציטאט. א שטייגער: אין נוסח א שטייט: אין דער שטאט אדעס...

מע דארף ענדיקן די ציטירטע ווערטער מיט דער אריגינעלער פונקטואציע, און נישט מיט קיין פונקט ביים סוף.

אזעלכע שינויים וואס חזרן זיך איבער (למשל: דאס בייטן "מאזעפעווקע" אויף "כתרילעווקע", אדער דאס אויסגעהאלטענע בייטן א רוסיציזם אויף אן אנדערווארט) וועלן פארצייכנט ווערן אין אריינפיר, כדי צו שפארן הערות.

דער גאנצער טעקסטאלאגישער מאטעריאל וועט דינען פאר א באזע צו פארצייכענען אויף א סעלעקטיוון אופן די שינויים וואס וועלן קומען צום סוף פונעם בוך. כדי צו פארלייכטערן די ארבעט פון דער רעדאקציע ווערן די רעדאקטארן געבעטן צו גראדירן די שינויי-נוסחאות אין דריי קאטעגאריעס: אן א שטערנדל וועלן באצייכנט ווערן אזעלכע שינויים וואס לויט זייער מיינונג דארף מען זיי אויסלאזן אין געדרוקטן בוך. מיט איין שטערנדל וועלן באצייכנט ווערן ספקדיקע פאלן. מיט צוויי שטערנדלעך וועלן באצייכנט ווערן אזעלכע פאלן וואס דארפן אן שום ספק קומען אין אפקלייב פון שינויי-נוסחאות.

Prioritize (1) (2) (3)

אין יענע פאלן ווען ס'זענען דא גאר ממשותדיקע שינויים צווישן בײדע נוסחאות דארפן די רעדאקטארן באטראכטן צי עס איז אפשר נישט כדאי צו דרוקן אין אן אפענדיקס פולערהייט דעם אנדערן נוסח אנשטאט צו געבן א צו קאמפליצירטן אויסוואל פון שינויים.

ה. גלאסאר

דער גלאסאר נעמט ארײַן ווערטער וואס מ'קען נישט געפינען אין די ווערטערביכער:

1. אלכסנדר הארקאווי, 'יידיש-ענגליש-העברעאישער ווערטערבוך', ניו-יארק 1928 (ארײַנגערעכנט די "הוספה", זז' 531-583);

2. אוריאל ווײַנרײַך, 'מאדערן ענגליש-יידיש יידיש-ענגליש ווערטערבוך', ניו-יארק 1968.

דאס מיינט אז די רעדאקטארן קענען נישט באשטימען אויף אייגענער האנט וואס דארף יא פארטײַטשט ווערן און וואס נישט. איידער זיי באשטימען צו פארטײַטשן א ווארט דארפן זיי קאנטראלירן די א"ד ווערטערביכער.

די רעדאקטארן דארפן אבער יא דערקלערן ווערטער וואס געפינען זיך אין די ווערטערביכער, אויב אינעם טעקסט האבן זיי אן אנדער באדײַט.

מע דארף נישט דערקלערן:

1. ווערטער פון לשון-קודשדיקן קאמפאנענט וואס ווערן דערקלערט אויף אן אדעקוואטן אופן אין:

אברהם אבן-שושן, 'המלון החדש', א-ז + כרך מילואים, ירושלים 1966-1983.

פסוקים און שברי-פסוקים דארף מען נישט דערקלערן; מען דארף אבער אנגעבן דעם מקור פון וואנען זיי שטאמען (פון תנ"ך, פון דאוונענען אדג"ל).

give source of Scriptural, liturgical passages

2. צונויפהעפטן, וואס זייערע באשטאנדטיילן זענען פארצייכנט אין די ווערטערביכער, און זייער טײַטש רופט נישט ארויס קיין ספקות.

3. ווערטער מיט אפיקסן, ווען די פונקציעס פון די אפיקסן ווערן דערקלערט אין די ווערטערביכער.

## געהילף-מאַטעריאַלן

### טעקסטן פון שלום-עליכמס ווערק וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען

מיר ברענגען דאָ אַ בקיצורדיקע באַשרייבונג פון די נוסחאות פון שלום-עליכמס טעקסטן וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען כּדי די רעדאַקטאָרן זאָלן קריגן אַן אַלגעמיין בילד מכּוח דער טעקסטאָלאָגישער פּראָבלעמאַטיק פון דער עדיציע און כּדי צו פאָרמולירן עטלעכע כּללים און אויך אויסקשטעלן פּראָבלעמען וואָס קענען זיך שאַפן ביי דער אַרבעט. מיר זענען דאָ נישט אויסן צו געבן קיין פולע באַשרייבונג פון ש"ע-ס טעקסטן. דערפאַר ברענגען מיר נאָר דוגמאות פון יעדער קאַטעגאָריע און מיר דערמאָנען בדרך-כּלל נישט קיין זעלטענע אויסנאַמען.

### 1. כּתב-ידן

ש"ע-ס כּתב-ידן פון ווערק געדרוקטע אין דער יידישער פּעריאָדיק אין אייראָפּע און אַמעריקע פאַר 1914 האָבן זיך מיט זעלטענע אויסנאַמען נישט אויפגעהיט. עס האָבן זיך אויך נישט אויפגעהיט קיין כּתב-ידן פון די ווערק וואָס זענען אַרויס אין די געזאַמלטע אויסגאַבעס ביי זיין לעבן: "פאָלקסבילדונג" און "פּראָגרעס". ש"ע האָט ביים צוגרייטן אָט די אויסגאַבעס מן-הסתּם אָפט באַאַרבעט די ווערק אויף די בויגנס פון דעם געדרוקטן טעקסט אין דער צייטונג, צוגעשריבן און געמעקט. ער האָט דעם טעקסט געשיקט אין פאַרלאַג און דאָרטן האָט מען אים, ווייזט אויס, אַרויסגעוואָרפן נאָכן דרוקן.

דערפאַר פאַרמאָגן מיר בדרך-כּלל נאָר כּתב-ידן פון די ווערק וואָס זענען נישט אַריין אין איינער פון די אויסגאַבעס. ווייטער רעכענען מיר אויס די וויכטיקסטע קאַטעגאָריעס:

א. וואַריאַנטן פון פריערדיקע ווערק וואָס ש"ע האָט צוגעגרייט צום דרוק אין אַ נייעם נוסח וואָס איז אָבער ביי זיין לעבן נישט אַרויס. אַהער געהערן נאָר: "אַן איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע חברים", "טייבעלע" און "אין שטורעם" (באַאַרבעט פון "דער מבול").

ב. כּתב-ידן פון ווערק פון די יאָרן 1914-1916, נאָך דעם ווי די "פּראָגרעס"-אויסגאַבע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'רוב פון זיי זענען בשעתו געדרוקט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע.

די וויכטיקסטע איינסן: "פונעם יריד", דער צווייטער טייל פון "מאָטל"

(אין בײדע פאלן: נישט קאמפלעט); "זומערדיקע ראמאנען"; "מעשיות פון טויזנט איין נאכט"; "כתרילעווקער פראגרעס"; "דער מיסטיק"; די קאפיטלעך "לך-לך" און "וחלקלקות" פון "טביה".

ג. כתב-ידן פון די דראמאטישע ווערק:

די דראמאטישע ווערק זענען, ווי באקאנט, קײן מאל נישט אויפגעזאמלט געווארן בײ ש"ע-ס לעבן, און א טייל פון זײ האט ער אויך קײן מאל נישט באוויזן צו דרוקן. דערפאר האבן זיך אין ש"ע-ארכיוו אויפגעהיט עטלעכע װאריאנטן (למשל: "דער אוצר", "טביה דער מילכיקער"). די עדיציע פון די בענד "דראמאטישע ווערק" וועט דערפאר דארפן לײזן קאמפליצירטערע טעקסטאלאגישע פראבלעמען ווי די אנדערע בענד וואס שײך יענע פיעסעס וואס ש"ע האט געשריבן נאך 1905.

ד. ווערק וואס זענען בײ ש"ע-ס לעבן קײן מאל נישט געווען געדרוקט:

אהער געהערן, ווי פריער געזאגט, א טייל פון די דראמאטישע ווערק, "בלוט און טרערן" (דער באארבעטער נוסח פון "מאשקעלע גנב"), "דער גנב" און א פאר אנדערע.

ה. פאראן א גאר קלײנע צאל אויסנאמען צו די קאטעגאריעס א-ד:

די וויכטיקסטע אײנסן: "בײם קעניג אחשוורוש", "דאס מעסערל", "משוגעים", "אין די ווארעמבעדער", װאריאנטן פון דער הקדמה צו "אײזנבאן-געשיכטן", א טייל באארבעטע קאפיטלעך פון דער סעריע "קלײנע מענטשעלעך מיט קלײנע השגות".

i.e. 3 variants

אזוי ווי מיר נעמען אן אז ש"ע-ס כתב-ידן וואס זענען געגאנגען אויפן "געווײנלעכן" וועג (פריער געדרוקט אין דער צײטונג; שפעטער ארויס אין זײנע געזאמלטע ווערק) האבן זיך נישט אויפגעהיט, דארף דער רעדאקטאר זיך שטעלן די פראגע ווער איז געווען דער אדרעסאט פון דעם כתב-יד און ווי אזוי איז ער צו אונדז דערגאנגען.

מיר ווײסן אז ש"ע האט געגעבן פארשידענע מענטשן איבערצושרײבן אויף רײן זײנע כתב-ידן. סירוב פון די כתב-ידן, אפילו ווען זײ זענען נישט זײנע אויטאגראפן, זענען אבער דורך אים פארראכטן געווארן. די פרטים דארף מען פארצײכענען אין דער באשרײבונג.

פון דעם א"ג דרינגט ארויס אז סירוב רעדאקטארן וועלן האבן צו טאן נאר מיט

צוויי געדרוקטע גרונט-נוסחאות:

א. ערשטער געדרוקטער נוסח אין דער פעריאדיק;

ב. דער נוסח אין ש"ע-ס ווערק וואס איז ארויס אין בוכפארעם ביי זיין לעבן און די איבערדרוקן אין מזרח-אייראפע און אמעריקע (זען ווייטער).

די רעדאקטארן פון ווערק געשריבן אין די יארן 1914-1916 וועלן האבן צו טאן מיט צוויי נוסחאות:

א. דער כתב-יד;

ב. דער געדרוקטער נוסח אין דער יידישער פעריאדיק.

בלויז אין פאל פון דער א"ד קאטעגאריע ה וועט דער רעדאקטאר האבן צו טאן מיט דריי נוסחאות: צוויי געדרוקטע, איינער אין כתב-יד.

ווי געזאגט איז א טייל פון די "דראמאטישע ווערק" א פאל פאר זיך.

## 2. ערשטע פובליקאציע אין דער פעריאדיק

סירוב פון ש"ע-ס ווערק איז, ווי באקאנט, געווען געדרוקט אין דער יידישער פעריאדיק: אין די אכציקער יארן - נאר אין רוסלאנד. פון 1899 און ווייטער זענען ש"ע-ס ווערק געווארן געדרוקט אין דער יידישער פרעסע סיי אין צארישן רוסלאנד און סיי אין אמעריקע. פון 1906 און ווייטער האט ער זיך אויך געדרוקט אין יידישע צייטונגען אין גאליציע און ענגלאנד.

מידארף זיך דא פונאנדערקלייבן צווישן אזעלכע פאלן ווען מ'האט איבערגעדרוקט אין דער אמעריקאנער פרעסע ש"ע-ס ווערק אן דער השגחה פון מחבר און צווישן טימולטאנע אפדרוקן אין צייטונגען אין פארשידענע לענדער.

צווישן די יארן 1899-1905 האבן די אמעריקאנער צייטונגען, ווייזט אויס, איבערגעדרוקט ש"ע-ס ווערק אן זיין וויסן און אן זיין דערלויבעניש. אין יענע פאלן ווען די צייטונג האט אנגעגעבן דעם געדרוקטן מקור פון וואנען זי האט איבערגעדרוקט איז דער רעדאקטאר פטור פון א פארגלייך צווישן די טעקסטן, און ער דארף בלויז פארצייכענען דעם איבערדרוק. א שטייגער: "אים מעג מען מקנא זיין": איבערגעדרוקט אין 'פארווערטס', פעברואר 2, 1902, מיט א הערה צום סוף: "פון 'יודי'".

אין אלע אנדערע פאלן דארפן די רעדאקטארן דורכפירן א פארגלייך צווישן די טעקסטן. אויב ס'זענען נישטא קיין שינויים, איז - פארשטייט זיך - נישטא קיין פראבלעם. דעמאלט ווען עס זענען דא שינויים וועט מען דארפן באטראכטן און באשליסן פון וועמעס האנט זיי שטאמען און צי מ'דארף זיי פארציכענען.

ערשט דעמאלט ווען מ'וועט האבן קאנטראלירט די איבערדרוקן אין אמעריקע (בעיקר אין "יידישעס טאגעבלאטט") וועט מען (אפשר) קענען באשטימען צי דאס זענען טאקע איבערדרוקן פון דער רוסישער פרעסע און דער אמעריקאנער רעדאקטאר איז "שולדיק" אין די שינויים (ווי מיר זענען היינט נוטה צו גלייבן) אדער מ'האט אין אמעריקע אין די יארן אויך געדרוקט ש"ע-ס ווערק פון כתב-יד (אדער א קאפיע פון דעם כתב-יד). דעמאלט קען דער פארגלייך זיין וויכטיק ווייל סיקען זיין אז אין אמעריקאנער טעקסט זענען דא אזעלכע פראגמענטן וואס אין רוסלאנד האט זיי די צענזור געפסלט, אדער דער מחבר האט זיי באזייטיקט אויס מורא פאר דער צענזור.

פון 1906-1907 און ווייטער האבן מיר צו טאן מיט פאראלעלע פובליקאציעס אין רוסלאנד און אין אמעריקע. דער רעדאקטאר פון יידער באנד וועט דארפן פארגלייכןביידע נוסחאות. אויב עס זענען דא אונטערשיידן וועט ער פריער פארציכענען די שינויים צווישן ביידע ערשטע פובליקאציעס (נאך דעם ווי ער באשטימט וועלכע האט געדינט ווי א יסוד פאר דער "פראגרעס"-אויסגאבע) און ערשט שפעטער - די שינויים צווישן ערשטן נוסח (אין דער פעריאדיק) און דעם צווייטן (אין בוכפארעם). די הנחה איז אז די שינויים צווישן ביידע ערשטע פובליקאציעס זענען באשטימט געווארן דורך מער "דרויסנדיקע" פאקטארן: די רעדאקטארן, די האנט פון דער צענזור, אפשר אויך ש"ע-ס ווילן זיך צוצופאסן צו אן אנדער מין לייענער, בעיקר שפראכלעך.

די ביבליאגראפישע פרטים דארפן פארציכנט ווערן אויפן ווייטערדיקן אופן:

א. דער נאמען פון דער צייטונג צווישן איינציקע גענדזן-פיסלעך (לויט דער אריגינעלער ארטאגראפיע);

ב. יארגאנג, באציכנט מיטן געהעריקן אות פון א"ב;

ג. נומער;

ד. דאטע. אין די רוסישע פובליקאציעס, ווו עס קומען ביידע דאטעס, דארף

מען אנגעבן נאר די שפעטערדיקע, לויטן גרעגאריאנישן קאלענדאר;

ה. זייטן;

למשל: ארויס אין ידער יודי', א, נומ' 1, יאנואר 1, 1900, זז' 1-10.

לגבי טאגצייטונגען דארף מען נישט אנגעבן דעם יארגאנג און דעם נומער: ארויס אין 'דער פריינד', יאנואר 1, 1904, זז' 2-4.

ווערק (סיי ראמאנען, סיי דערציילונגען) ווערן דערמאנט צווישן טאפלטע גענדזן-פיסלעך.

די רעדאקטארן ווערן געבעטן מקפיד צו זיין אויף די כללים.

3. <u>שלום-עליכמס ווערק אין בוכפארעם</u>

דער רעדאקטאר וועט בדרך-כלל האבן צו טאן נאר מיט <u>איין וואריאנט אין בוכפארעם</u>. אהער געהערן:

1. די אויסגאבע "פאלקסבילדונג" (4 בענד, ווארשע 1903) נעמט אריין א טייל פון ש"ע-ס ווערק ביז יענעם יאר.

2. די אויסגאבע "פראגרעס" (16 בענד, ווארשע 1909-1915) נעמט אריין סירוב פון די ווערק פון די יארן 1903 און ווייטער. אזוי ווי די "פאלקסבילדונג"-אויסגאבע איז איבערגעדרוקט געווארן פון מאטריצן אין יאר 1909, זענען אין דער "פראגרעס"-אויסגאבע נישטא קיין ווערק פון דער פריערדיקער עדיציע. אזוי ארום קומט אויס אז ביי ש"ע-ס לעבן איז יעדער ווערק אריינגענומען געווארן אין דער ראם פון זיינע געזאמלטע שריפטן <u>נאר איין מאל</u>.

3. די "טאגעבלאט"-אויסגאבע (ניו-יארק 1912) איז צוזאמענגעשטעלט געווארן פון מאטריצן פון די פריערדיקע אויסגאבעס. קיין נייע ווערק זענען דא נישט אריין. אין טעקסטאלאגישן אפאראט דארף מען זיך אויף איר נישט פאררופן.

4. די "פאלקספאנד"-אויסגאבע: די רעדאקטארן דארפן נעמען אין אכט אז די <u>"פאלקספאנד"-אויסגאבע</u> איז צוגעגרייט געווארן דורך י"ד בערקאוויטשן נאך ש"ע-ס טויט. <u>זי האט פאר אונדז נישט קיין טעקסטאלאגישן ווערט</u>. אין אפאראט דארף מען נאר דערמאנען ווו דאס רעלעוואנטע ווערק איז דארטן אריין, אבער מע דארף נישט דורכפירן קיין פארגלייך מיט איר, נישט אנווייזן אויף קיין שינויים אין איר אדג"ל. ס'איז אבער געוואונטשן דורכצוקוקן די אויסגאבע ווייל ס'קען זיין אז י"ד בערקאוויטש האט דא און דארט פארראכטן גרייזן

אין פריערדיקן נוסח און איינגעארבעט שינויים צוליב סיבות וואס זענען אונדז נישט באקאנט און וואס מ'דארף <u>יא</u> נעמען אין באטראכט. בלויז אין יענע אויסנאמפאלן ווען די זאך איז נייטיק וועלן די רעדאקטארן באשרייבן און פארצייכענען אין אפאראט די שינויים אין דער "פאלקספאנד"-אויסגאבע.

5. אין די רעלעוואנטע ערטער דארף מען אפשיקן דעם לייענער אויף צום אפדרוק אין:

א. די סאוועטישע אויסגאבע (קיעוו) פון די דרייסיקער יארן (נאר 2 בענד; פאקטיש האט עס צו טאן נאר מיט די דראמאטישע ווערק).

ב. די סאוועטישע אויסגאבע פון מאסקווע 1948.

אין יענע פאלן ווען י"ד בערקאוויטש האט געדרוקט אין דער "פאלקספאנד"-אויסגאבע א ווערק פון כתב-יד אדער פון א צייטונג וועלן די רעדאקטארן צוריקגיין צום אריגינאל, אן דער פארמיטלונג פון דעם בערקאוויטש-טעקסט (למשל: "פונעם יריד", "שווער צו זיין א ייד").

ביים אננעמען דעם טעקסט פון די אויסגאבעס "פאלקסבילדונג" און "פראגרעס" ווי א יסוד פאר דער עדיציע דארף מען האבן אין זינען:

ש"ע האט צוגעגרייט צום דרוק די טעקסטן, בעיקר יענע ווו ער האט אריינגעבראכט גרויסע שינויים (למשל: "מנחם-מענדל"). מיר קענען אבער (דערווייל) נישט באשטימען גענוי אין וואס פאר א מאס ער האט געהאט די <u>השגחה</u> אויפן דרוק. ביידע אויסגאבעס האבן זיך געזעצט און געדרוקט אין ווארשע ווען ש"ע האט דארטן נישט געוווינט: אין 1903 האט ער געלעבט אין קיעוו, און אין 1909-1914 אין פארשידענע ערטער אין מערב-אייראפע. ווייזט אויס אז ער האט די קארעקטור פון די אויסגאבעס <u>נישט</u> געלייענט. בנוגע דער "פראגרעס"-אויסגאבע דארף מען אננעמען אז י"ד בערקאוויטש האט געהאט די השגחה אויף (א טייל פון) די בענד. ערשט נאך דעם ווי מיר וועלן דורכלייענען די בריוו ווען מען אבער (אפשר) אויסגעפינען אט די פאקטן פינקטלעכער.

didn't read proofs

די "פראגרעס"-אויסגאבע איז ארויס אויף זייער אן אפגעלאזטן אופן. דארף מען האבן אין זינען:

1. זיכערע <u>דרוקפעלערן</u> דארף מען פארריכטן אן קיין שום הערה.

2. דער רעדאקטאר פארריכט די <u>פונקטואציע</u> און גיט צו פונקטואציע-צייכנס

דארטן ווו ער האלט עס פאר אבסאלוט נייטיק, מיט א הערה וועגן דעם ביי דער זייט (פאר דער רעדאקציע).

3. די רעדאקטארן דארפן אנווייזן דער רעדאקציע אויף אלע ספקדיקע פאלן פון קארעקטורן וואס זיי האבן א יסוד צו גלייבן אז זיי שטאמען נישט פון ש"ע-ס האנט (בערקאוויטשעס תיקונים אין דער "פראגרעס"-אויסגאבע אדג"ל) מיטן רעדאקטארס מיינונג צי מען דארף זיי אננעמען אדער נישט.

4. צווישן-נוסחאות: "ביכער פאר אלע"; "פאמיליען-ביבליאטעק"

דער רעדאקטאר דארף נעמען אין באטראכט און פארצייכענען די סעריע "ביכער פאר אלע" (ארויסגעגעבן אין ווארשע אין די יארן 1905-1909) און "פאמיליען-ביבליאטעק" (1909 און ווייטער).

"ביכער פאר אלע": מיר ווייסן (דערווייל) נישט צי ש"ע האט געהאט די השגחה ביים דרוקן די העפטן. ס'רוב זענען דאס ווערק געשריבן אין די יארן 1902 און ווייטער. קיין איינס איז נישט אריין אין דער אויסגאבע "פאלקסבילדונג". ס'רוב איז אריין אין דער "פראגרעס"-אויסגאבע. אזוי ארום איז די סעריע "ביכער פאר אלע" א צווישן-נוסח צווישן דער ערשטער פובליקאציע אין דער צייטונג און די "פראגרעס"-אויסגאבע. דאכט זיך אז עס איז נישט צו ערווארטן קיין טעקסטאלאגישע שינויים אין אט דער סעריע, אבער די רעדאקטארן דארפן פארגלייכן אלע טעקסטן.

"פאמיליען-ביבליאטעק": כמעט אלע ביכלעך זענען אפגעדרוקט געווארן פון די מאטריצן פון דער "פראגרעס"-אויסגאבע. דאס איז שוין פארצייכנט אין ביבליאגראפישן קארטל, און דער רעדאקטאר דארף נאר פארצייכענען אין נאכווארט אז דאס ביכל איז געדרוקט פון מאטריצן. צו מאל איז דאס זעלבע ווערק ארויס עטלעכע מאל אין דער "פאמיליען-ביבליאטעק"; צו מאל איז א העפט איבערגעדרוקט געווארן, און די דאטעס אויף די הילעס שטימען נישט מיט די דאטעס אויפן שער-בלאט.

אין ארכיוו פון בית שלום-עליכם געפינט זיך א גרויסע צאל העפטן פון דער "פאמיליען-ביבליאטעק" בבחינת כתב-ידן. דאס זענען:

א) אדער בערקאוויטשעס תיקונים ווען א העפט האט געדינט יום זעצן די "פאלקספאנד"-אויסגאבע.

ב) אדער תיקונים פון כל-מיני פארלייענערס פון ש"ע-ס ווערק וואס האבן פארראכטן דעם טעקסט אויף אייגענער האנט.

אויך די פרטים זענען שוין פארצייכנט געווארן אין ביבליאגראפישן קארטל. די רעדאקטארן וועלן אזוי ארום קריגן פאטאקאפיעס נאר פון יענע העפטן מיט תיקונים וואס שטאמען טאקע יא פון שלום-עליכמס האנט, אדער מיר האבן א יסוד צו גלייבן אז ער האט זיי דיקטירט עמעצן אנדערש.

צווישן דער היפשער צאל העפטן זענען דא עטלעכע ספקדיקע פאלן ווו מע וועט דארפן באשטימען פון וועמעס האנט עס קומען די תיקונים.

אין נאכווארט וועלן אויך פארצייכנט ווערן אלע אויסגאבעס וואס זענען ארויס ביי ש"ע-ס לעבן הגם מיר זענען זיכער אז דאס איז געשען אן דעם מחברס ויסן. דא גייען אריין: א צאל "פיראטישע" אפדרוקן אין ניו-יארק; די העפטן וואס די "היברו פאבלישינג קאמפאני" האט ארויסגעגעבן, צו מאל פון דאס ניי געזעצט אן ש"ע-ס ויסן און צו מאל - פון מאטריצן (אט די אויסגאבעס זענען דערווייל נאך נישט פארצייכנט אין אונדזער קארטאטעק). מיוועט אויך פארצייכענען די טעקסטן וואס חנן י. מיניקעס האט איבערגעדרוקט אין זיינע 'יום-טוב-בלעטער' אין ניו-יארק, צו מאל בייטנדיק דעם נאמען, שניידנדיק דעם טעקסט אא"וו. מיר נעמען אן אז בדרך-כלל האט ער איבערגעדרוקט די זאכן אן ש"ע-ס ויסן, און אויב יא מיט זיין ויסן (דער עיקר אין די לעצטע יארן) - זענען זיי ארויס אן זיין השגחה.

<u>5. ש"ע-ס ווערק וואס זענען צו אונדז דערגאנגען נאר אין איין נוסח</u>

אהער געהערן יענע ווערק וואס ש"ע האט קיין מאל נישט געזאמלט אין בוכפארעם:

די דערציילונגען (בעיקר פון די אכציקער יארן) וואס ש"ע האט פארבראקירט (זען זי' 26 אין אונדזער רשימה);

לידער;

עפיסטאלארע ווערק פון די אכציקער יארן;

קריטיק און רעצענזיעס; פובליציסטיק; רעפארטאזשן (ווען אריינגיין אין די בענד 19-20 אין דער עדיציע);

קאפיטלעך זכרונות וועגן יידישע שרייבערס;

ראמאנען וואס זענען נישט אריין אין די געזאמלטע ווערק;

פעליעטאנען.